STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07828

IN HOYZ FUN HALOYMES

Shmuel Top

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל טאָפּ

*

אין הויז פון חלומות

שמואל טאָפּ

שמואל טאָפ

אין הויז פון חלומות

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ז—1967

SHMUEL TOP

IN HOJZ FUN HALOIMES

שמואל טאָפּ / אין הויז פון חלומות

הוצאת „המנורה" רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"HAMENORA" Publishing House
24, Zangwill Street, Tel-Aviv, Israel

©
כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

מיין טאַטן הירשל

מיין מאַמען גיטל

מיין פרוי איידל (טוגענטמאַן)

מיין ברודער דוד

מיין ברודער פייוול

מיין ברודער לאָזער

מיין שוועסטער הענע

מיין שוואָגער שמואל עליע שטערן

מיין שוועגערין אסתרל

זיינע קינדער — אהרון, זיהלע,

שרה־עטעלע

מיין חבר ניסל טשעמיעלינסקי

און אַלע מיינע וואָענטע,

וואָס זייערע לעבנס

זענען פאַרשניטן געוואָרן

דורך די היטלערישע רוצחים.

שטערן אויפן אַש

אין הויז פון חלומות

בלוי ווי אַ קינדער־חלום,
איז געהאָנגען דער הימל
איבער מײַן הויז פון חלומות.

בײַ נאַכט האָבן שטערן
אין פענצטער געפינטלט,
געזשמורעט די אויגן פון ליכטיקייט.

איך אַליין האָב מיטגעוואַנדערט
מיט די חלומות פון מײַן הויז,
ווי אַ שטערן אויפן מילכוועג.

פּלוצעם האָט אַ געוויטער
אַראָפּגעריסן דעם דאַך פון די ווענט
און צעוואָרפן מײַן הויז.

איז געוואָרן פוסט
אַרום דעם הויז פון חלומות —
וואַנדערט מײַן חלום אין ליד.

ת״א, 17 מערץ 1960

געזעגענונג מיט מײַן טאַטן

דעם אָוונט האָט אומרו זיך צו חשכות געטוליעט.
ביי גרינע שטערן האָבן מעטאַלענע פליגל געררוישט.
ווי באַהאַלטענע וואַסערפאַלן.

איך בין געקומען שטיל געזעגענען זיך מיט דיר.
צווישן טאָג און נאַכט זענען מיר געווען —
צונויפגעוואַקסן, ווי אַ צווילינג.

איך האָב איינגעזאַפּט דײַן אָטעם,
וואָס האָט געשמעקט מיט פריש געשניטן היי,
מיט אויבסט פון דײַנע סעדער.

דײַן באָרד האָט מײַן פּנים געגלעט ווי אַ רויז.
נאָך דעם ביסטו צום פענצטער אָוועק.
כ׳האָב דײַנס אַ טרער געזען אין שויב.

ווי אַ פויגל האָב איך פאַרלאָזט דײַן נעסט.
שאַרפע דונערן האָבן צעשניטן די שטאָט —
זי איז אין אַ מבול פון פלאַמען געזונקען.

פון דעמאָלט אָן שטראַלט דײַן פּנים אויף אין מיר
(דורך הימלען מיט רויך אײַנגעהילט)
און דײַן טרער ריזלט אין מײַן בלוט.

וואַרשע, 18 פעברואַר 1949

וואַרשע 1939

דער ראַדיאָ זאָגט די איוב־בשורה אָן: וואַרשע ברענט!
און ס׳לויכטן אירע ווונדן — רויטע פלאַמען.
איך שטיי איצט, וואַרשע, פאַר די חורבה־ווענט
אוןביידע צאָרנען מיר צוזאַמען.

דײַן פּנים שמײַסט די פײַערדיקע רויט
פון פרעך־פאַררײַסן דײַטשן מיליטער.
די קאַנאַלן דײַנע לויפן אָפּ מיט בלוט
און די ערד אין יעדן הויף איז — קברים־ערד.

מיך קלעמט דער צער פאַר יעדער, יעדער גאַס,
פאַר זאַמענהאָף, פאַר גענשע, נאַוואָליפּע.
פאַר דער גראָסער־ביבליאָטעק און פאַר דער חברה ש״ס,
פאַר אַלע לעבנס אין די קעלערן פאַרשיטע.

און שאָפּען האָט אַראָפּגענידערט פון זײַן פּיעדעסטאַל,
ער שטרעקט אין לופטן צום קלאַוויר די בלייכע הענט.
אויף וואַרשעס חורבה־גאַסן ציטערט דער הערינאַל
און וועקט צום לעבן אויף די שטאָט, וואָס איז פאַרברענט.

וואַרשע, 1949

סילוועסטער־נעכט אין וואַרשע

אין מעטאַלענע ראַמען פינקלט שפּיגל, ווי קרישטאָל.
ס׳קלינגען פלעשער וויַין אין הענט מיט גאָלדענע סיגנעטן.
אַ קלעזמער האָט זיך שיכורלעך אין סאַקסאָפאָן צעשאַלט,
רופט די שיכלעך זיַידענע זיך גליטשן אויף פּאַרקעטן.

לויכטן בריליאַנטן, ווי גלי־ווערעם אויף פוכיקע הענט,
זיי קריכן אויף העלדזער פּעטע, אין קלאַמערס פון שיכלעך.
יופּיטער־לאָמפּן זוניקע, באַלויכטן גלאַטע ווענט.
זאַטע שמייכלען קרייזן דאָ אַרום באַזעצטע טישלעך.

אין די פאַררויכערטע קוואַרטאַלן צאַנקען ליכטלעך שטיל.
עס שאָטנט זיך דער הונגער אין אַרבעטלאָזע שטובן.
אומרויִקע באַוועגן זיך די שאָטנס אויפן דיל.
ס׳פינקלט אויף אַ רויטער אות, וואָס ליגט אין האַרץ באַגראָבן.

גייט דער הונגער אויף טעאַטער־פּלאַץ ריטמיש, ווי אַ ליד,
ס׳הילכט דער צוקונפט־רוף — „דאָס וועט זיַין שוין דער לעצטער!״
עס האָט אַ רויטע בלום זיך אויף דעם וויַיסן פראָסט צעבליט,
פאַלן שטערן אויפן שניי מיט בלוט אָדורכגענעצטע...

אויף קבר־אבות

מיינע פאַרקלעמטע ליפּן שעפּטשען אַ תּפילה:
— גאָט! די נאַכט האָט געפאַנגען די זון,
די נאַכט איז אַזוי לאַנג,
ווי קענסטו אונדז לאָזן אָן שיין?
מאַך פון מיר אַ נר תמיד —
אַן אייביקן סימן —
אַ וועגווייזער, אַ רויטן ברענענדיקן שטיין,
אויפן אַש־בית־הקברות פון ייִדנס אומקומען.
מאַך פון מיר אַלעמענס יתום,
דעם מאָנער פון מענטשנס געוויסן.
לערן מיך אַ נייעם קדיש
פאַר אַ פאָלק פון קדושים.
זאָלן פליגל טראָגן מיך אַהין —
צו קרעמאַטאָריעס פון אויסגעלאָשענע לעבנס,
מיין האַרץ זאָל דאָרט פלאַטערן,
פאַרצוימען די צעהוליעטע ווינטן —
זיי זאָלן דאָס הייליקע אַש נישט צעשטויבן.

שווידניץ, סעפּטעמבער 1946

בענקשאַפט

בלויער אָונט שלאָפט אין טיפע נאַרעווער-ברעגן —
דאָ שלאָפן אויך אין שכינות מײַנע קינדער-יאָרן.
צעפּיבערט פּליסט דער טײַך אויף זילבערוועגן,
אין זײַן דורות-לאַנגן לויף נישט אַלט געוואָרן.

פֿריילעך ווי אַ מאָל, איז זײַן יוגנטלעכער גאַנג,
וואָס צאַפּלט אין די ברעגן, ווי אַ פֿלייט-געזאַנג.

✶

גראַנאַט-בלויער אָונט טרוימט אין גרינע ברעגן,
ווי מײַן הערשעלע, מײַן יינגסטער זון אין ווײַסן קינדער-בעטל.
כ׳האָב אַ מאָל פאַרחלומט דאָ שפּאַצירט אויף מאָרגן-וועגן,
דאָ איז געוועז מײַן היים אין נאַווידוואָרער שטעטל.

מײַן מאַמע פּאָרעט זיך אין שטוב, כ׳הער איר שטילן גאַנג,
איר שטים, זי שלעפט מיך אײַן, ווי פֿלייט-געזאַנג.

✶

אין רויטע פֿלאַמען איז די זון פאַרגאַנגען.
בלויער נעפּל טוליעט זיך צום טאַטנס סעדער.
אויף פעלדער ברוינע שלאָפן מידע תבואה-זאַנגען.
אין בײַדל וואַכן צוויי אויף שטרוי-געלעגערס.

מײַן טאַטע לייענט לידער, כ׳זאַפּ אין זיך דעם קלאַנג
פון ציטערדיקע ווערטער, ווי פון פֿלייט-געזאַנג.

✶

בלויער אָוונט, שטערן, די זון האָט זיך פֿאַרבאָרגן,
די שטערן גייען ווידער אויף און זינגען
(ס׳טראָגט געזאַנג, ווי נאַכט, די זוימען פֿון אַ נײַעם מאָרגן),
און אונטער אונדז — די יאָרן מיט גהינום־רינגען.

יזכור־ניגון, בענקשאַפֿט טיפֿע אין דײַן קלאַנג,
וואָס פֿליסט בײַ מיר פֿון האַרץ, ווי פֿלייט־געזאַנג.

✶

האַלבע נאַכט, די שטערן האָט אַ ווינט פֿאַרלאָשן.
פֿון פֿאָמיעכאָווער פֿאָרט הייבן אָן צו גיין
די יידן, וואָס מען האָט דאָרט לעבעדיק פֿאַרשאָטן.
פֿון מײַלער זייערע זיך הערט אַ גרויל־געוויין.

כ׳דערקען אין ווינט מײַן מאַמעס שטים, איר קלאַנג,
וואָס האָט די נאַכט פֿאַרכישופֿט, ווי מיט פֿלייט־געזאַנג.

נאָרדהאָר, זומער 1950

איך רוף דײַן נאָמען

דעם אָנדענק פון דיכטער און פרײַנד
בער שנאַפּער געהייליקט

די שוואַרצע נאַכט זאַפּט אײַן מיך ווי אַ שוואָם —
איך רוף דײַן נאָמען פון דעם טיפן תהום.

האָסט מיטגעלעבט דאָס ציִען זיך צו זון —
פון יעדן קנאָספּ, וואָס גאַרט צו ווערן בלום,
געחברט זיך מיט יעדן בלאַט אויף בוים —
און מיט דעם סוד פון ליבשאַפט — מיט דײַן טרוים.

און מיט דער פרייד פון וואַקסנדיקן גראָז,
און מיט דער שרעק פון טויט־געיאָגטן האָז,
און מיט דער איינזאַמקייט פון קאַלטן שטיין,
און מיט דעם גרויסן, טיפן זין פון זײַן.

ס׳האָט דײַן געדאַנק געזוכט פון באַרג דעם שפּיץ,
געריסן זיך מיט העלקייט פונעם בליץ. —
אָ, זאָג, בער שנאַפּער, זאָג, וווּ איז דער לוין?
וווּ איז דײַן קבר? וווּ — דײַן דיכטער־קרוין?

איך רוף דײַן נאָמען פון דעם טיפן תהום —
די שוואַרצע נאַכט זאַפּט אײַן מיך ווי אַ שוואָם.

שווידניץ—וואַרשע, 1947־49

פּרצעס לוויה

וואַרשע, פּסח, נײַנצנהונדערט פופצן, אויף גענשע גאַס —
גייען צום בית־עולם שבת־יום־טובדיקע ייִדן,
פאַרטיפט אין זיך מיט שטילע אָבלדיקע טריט, אָן רעש.
זיי גייען אײַנגעבויגן, טראָגן מיט דרך־ארץ —
אין שוואַרצן אָרון — יצחק־לייבוש פּרץ.

עס פירט מײַן טאַטע מיך בײַם האַנט,
ווי אין די ווינטער־נעכט, בײַם לייענען „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" —
גלײַך אַהין צום פּרץ־לאַנד.
מיט אונדז צוזאַמען שטראָמען ייִדן, אין דער לענג, אין דער ברייט,
צוזאַמענגעפלאָכטן דורך „דער גאָלדענער קייט".

כ'האָב לאַנג שוין פאַרלוירן מײַן טאַטנס וואַרעמע האַנט.
כ'שווים אַליין אַ פאַרקלעמטער מיטן שטראָם צו אַ וואַנט.
ס'האָט דער טיפער מענטשן־שטראָם זיך צעגאָסן:
אין דער לענג פון בית־עולם, אין זײַן ברייט,
שיער נישט צעריסן אויף שטיקלעך „די גאָלדענע קייט".

שוויידניץ—וואַרשע, 1946—1949

שעה פון בלויער שטילקייט

פיר מיך צו וויַטע ברעגן פון אייביקייט,
צו בלויער שטילקייט, מיט אַ לייַכטער האַנט,
באַפרייַ די מידע טריט פון לײמיקייט,
לאָז נישט פאַלן מיך אַליין אין מדבר־זאַמד.

קייַקל אַוועק דעם שטיין פון צער אין געמיט,
גיב ליכטיקייט די פערל פון מייַן טרער.
וועג־אויס מענטשלעכע גלייַכגעוויכט די טריט.
קירץ די לעצטע וואַנדערונג מיט אַ שניט אין קווער.

אין פייַן גייען אויס די „אָפּגענאַרטע טרוימען".
נעם די שערבלעך פון לײמענע געטער
און פאַרשיט מיט זיי די טיפע שנאה־תהומען.

לאָז אין קינדער־אויגן — דעם טוי פון פרימאָרגן,
(פון דעם נעכטן וועלקן שוין סיַי ווי די בלעטער)
אין זייער בלוט גרינט דורות־קיום פאַרבאָרגן.

א ו י פ ג אַ נ ג

איז אַוועק אין קריג מײַן זון...

איז אַוועק אין קריג מײַן זון,
האַרבסטיק ווערן מײַנע טעג.
פּאַרוועבט דער אומעט, ווי אַ שפּין,
פּאַרטונקלט מיר דעם בלויען וועג.

צוואַנציק פּרילינגען צערוישטע
איבער בערג און ימען שוועבן.
מיטן פּייקל פּון תנ״ך
דבורה טאַנצט מײַן זון אַנטקעגן.

איז דער גליל אָפּגערייניקט,
ברענט דער נגב נאָך אין פּלאַמען.
און די הויפּטשטאָט אויסגעפּײַניקט —
טוליעט קינדער, ווי אַ מאַמע.

טוליע אויך צו דיר מײַן קינד,
פּאַרהיט אים פּון די שוואַרצע נעכט;
אויף ימען — פּאַר אַ שטורעם־ווינט,
און פּון אַ רויבערס נעץ־געפּלעכט.

וואַש מיט רעגן אָפּ די וווּנדן,
קיל מיט ווינטן אויס די בראַנד —
ווי אַ פּאַקל אָנגעצונדן
איז זײַן ליבשאַפּט פּאַרן לאַנד.

וואַרשע, 27סטער נאָוועמבער 1948

חיפה

אונדזער שיף האָט דעם ים צווישן וואָלקנס געשמידט.
דער האָריזאָנט אויף כוואַליעס געלעגן איז מיד.
איין שטערן בלויז האָט די מידע „גלילה״ באַגלייט —
געפירט זי קיין חיפה מיט היימישער פרייד.

חיפה — דוכט זיך אַ ספינקס, אַנטדרימלט אויף אַ באַרג,
עס צייכנט זיך אין דעם נאַכט-בלוי זײַן שטיינערנער קאָרק
מיט פײַערן קאָלירטע, וואָס צאַפּלען ווי שטערן —
אויף זײַן קאָפּ אַ רויטער ים-לאָמטערן.

דער הימל טובלט אין ים די „גרויסע בערין״.
ווילסט, אַז די כישוף-נאַכט זאָל קיין מאָל נישט צערונען ווערן,
ווייל איין מאָל נאָר איז פון כרמל צו זען דיר באַשערט
שטערן פאַרכישופטע וואַנדערן אויף דר׳ערד.

פאַר טאָג נעמען שנײַדן דעם שטיינערנעם גוף סערפּענטינעס,
פון קאָרק הענגט אַראָפּ אים די גריווע, די גרינע.
עס טוליען זיך הײַזער — אַ טשערעדע שאָף,
אַ גאַנצע נאַכט דאָ געררוט און געחלומט אין שלאָף.

ים-נעפּל וואַשט דעם ספינקס די אויגן, בלויע,
וואַשט די שויבן פון הײַזער, ווײַסע און גרויע.
אָקטאָבערדיק ווינטל צעטרײַבט זיי דעם שלאָף.
אין עכאָ קלינגען גלעקלעך, ווי אויף העלדזער שאָף.

מיט אָפּגעצערטן גרין שפּראָצן די ברעגן פון לאַנד,
אַ פּאַלמע — פּיאַלעטיש געצונדן בליט אויפן ראַנד.
קיין חיפה גליטשט זיך „גלילה״ מיט ווייגנדיקן גאַנג
און ס׳זינגען סירענעס מיט אומרו עולה-געזאַנג.

עולה־געזאַנג

זיי וואַנדערן, די מידע זון און טעכטער,
אָפּגעגנאַרט דורך אַלע האָפענונגען.
וואַנדערן צו דיר,
ווי ס׳בלוט דורך אָדערן צום האַרץ.

מאָרגן
וועלן זיי מיט שוויים פון זייער אַרבעט
אויסקילן הייסע פיבערן פון מדברדיקער ערד,
און ווי דיביימער —
זיך פאַרוואָרצלען טיף און וואַקסן.

אין פרימאָרגן
ווען די זון גייט אויף —
צעעפּענען זיך מײַנע ליפּן,
ווי די רויטע מאָן-בלעטער,
און זאַפּן אײַן פּיאָלעטן שמייכל,
וואָס רינט אַראָפּ פון הימל —
אויף דער ערד,
דער טיף צעאַקערטער,
וואָס וואַרט אויף ברכה.

און אין אָוונט,
ווען עס בענקט די ערד נאָך רעגן און נאָך טוי,
גייט אויף אין מיר אַ תפילה:
ווי זאַפט פון טרויבן
זאָל טריפן פרייד פון לעבן אין ישראל!

תל־אביב, 5 דעצעמבער 1950

ירושה

ווער ווייס?
ווער קען עס אויפפלעכטן דעם סוד,
ווו ס׳זענען דאָ אַ מאָל געווען:
אויף היגלען זאַמדיקע אַ טומלדיקע שטאָט,
צעבליטע תבואה־פעלדער.
אַ שטילער, גרינער דאָרף
מיט סעדער, מיט פאַרחלומטע?

ווער קען אַרויסכּישופן דעם סוד:
ווו ס׳האָט אַ ייִדישער חיל געוואַכט,
געצאַפּלט אין דער לעצטער שלאַכט,
אין ביבלישן אַמאָל —
אויף וועלכן באַרג, אין וועלכן טאָל?

איך געדענק:
ווי אַלע עלטער־זיידעס
האָט מײַן זיידע — אַ ישובניק אין פּריצס דאָרף —
אַרײַנגעפלאָכטן אין זײַן תּפילה:
— „לשנה הבאה בירושלים!״ —
און געבליבן אינדזל ייִדישער אין ים פון גויִם.

הער זיך צו,
ווי ס׳שלאָגט אין בלוט צעגליטע בענקשאַפט,
ווי ס׳וואָלט אינעם חלל פון דײַן דמיון נאָך געהאָנגען
זייער האָפענונג.
מיט פּײַן פון חבלי־לידה
גייט זי אויף אין דיר.

תל־אביב, 7 יאַנואַר 1951

בײַם ים

ציטער נישט אַזוי, מײַן האַרץ, פֿון פֿרייד!
זײַ רויִק, שטענדיק וואַך!
היט:
די וועלט, דעם שלאָף בײַ נאַכט,
און דעם ים, ווען ער רוט.

דער ים איז הײַנט רויִק, שטיל,
(מען זעט די זאַמדן פֿון דער טיף)
די זון מיניעט זיך אויף זײַן בלויען לײַב —
מיט זילבערנע שיפֿן.

דעם ימס קילן אָטעם
טרינקען דורשטיקע מעוועס,
און הענגען זיך פֿאַרשיכורטע
אויף דער ווינגדיקער שיף.

דעם ימס פּערלדיק אויג,
איז דורכזיכטיק, ריין,
ווי אַ קינדעריש האַרץ,
ווי מײַן לויטער געמיט,
ווי מײַן מאַמעס געוויין.

בלויז דער ווינט האָט פֿײַנט,
ווען דער ים שלאָפֿט.
שטורעמט ער די „כוואַליע־ברעכער"
און צעשויבערט זיך דעם קאָפּ.

אויפן האָריזאָנט פון ים,
שטייט אַ רויטער לאַמטערן.
פינטלט מיט אַן אָנגעצונדן אויג
אַנטקעגן די שיפן, וואָס באַוועגן זיך,
ווי אין הימל די שטערן.

ציטער נישט אַזוי, מײַן האַרץ, פון פרייד!
זײַ רויִק, שטענדיק וואַך!
היט:
די וועלט, דעם שלאָף בײַ נאַכט,
און דעם ים, ווען ער רוט.

שמירה־נאַכט

כ׳האָב שלום געבעטן בײַ די בייזע ווינטן;
טרײַבט נישט מער קיין שטויב אויף מײַנע וועגן!
מײַן האַרץ, מיט נײַע פלאַמען אָנגעצונדן,
זאָל ווי אַ שטערן, זיך אין ליכטיקייט באַוועגן!

שמירה־נאַכט. ס׳לעשן זיך, ווי ליכט, די שטערן.
פון אומרו הייבט דער הימל אָן צו בלויען.
צו וועמען זאָל דער בלויער טאָג געהערן?
וועמען — ליכטיקייט פון האַרץ פאַרטרויען?

דאָס בלויע אויג פון ים־המלח

אין קעניגרייך פון שטיין, פון זון צעגליט,
גייט־אויף אין דיר אַ רויִקייט פּאַמעלעך,
צעגיסט זיך לויטער בײַם ברעג פון דײַן געמיט,
ווי בלויקייט — אין שפּיגל פון דעם ים־המלח.

דער אומעטיקער מדבר בענקט נאָך צוויט —
האָט ווען אַ רעגן אים געצוואָגן פריילעך?
אין סדומער בערג, וואָס גאָט האָט אָנגעשיט,
בלויט אַ פרייד — דאָס אויג פון ים־המלח.

אין היילן — ברענענדיקע סאָפּלעס זאַלץ,
אַ הימל־פענצטער לאַכט מיט טאָג אַרײַן,
עם פינקלען סאַלאַקטיטן מיט קרישטאָלן־שײַן.

און אין דער טויטער שטאָט פון מלכות־זדון —
פאַרגליווערטע פּאַלאַצן גלאָצן שטום
מיט הוילע שטיינער־קעפּ אַנטקעגן זון.

סדום, 28 מאַי 1953

דאָס הירשעלע דאָס ווײַסע פון דואר ישראל

פראַנקען

פײַל פון בויגן לויפט דאָס הירשעלע דאָס ווײַסע,
ווײַט פונעם בלויען עליפּסישן קרײַז —
ברענגען דיר גרוסן פון לענדער פון הייסע,
אָדער פון פלײַנען פון אייביקן אײַז.

ס׳טראָגט זיך און שפּאַנט איבער געגנטן ווײַטע,
היפּערט אַרום איבער באַרג, איבער טאָל.
מיט הערנער צעצווײַגטע, ווי פליגל צעשפּרייטע,
טראָגט עס די פרייד, וואָס אין בריוו איז געמאָלט.

פליט מיט די וואָלקנס דאָס הירשעלע ווײַסע,
שפּרינגט איבער ימען מיט דינינקע פים —
ברענגען דיר גרוסן פון נאָענטע, ווײַטע:

נאָך ווען ס׳נאָגט בענקשאַפט, ווען האָסט האָלד,
הירשעלעם אויגן — פאַרבענקטע און הייסע —
זינגען געזאַנגען אין שורות פון בריוו.

אליהו הנביא — דער בריוועטרעגער...

די טאָרבע צעהויקערט דעם רוקן, ווי אַ קעמל,
שפּרייזט ער אין בלויקייט — צעטראָגן די בריוו;
בלײַבט אויפן טיש נישט דערעסענער זעמל,
און מויל — נישט דערשלונגענער, אײַליקער בים.

די ליכטיקע „בליצן" צעטראָגן אויף שטאָקן,
אָדער דערלאַנגען פאַרטרוילעכע בריוו.
אויף שטיגן אַרויף זיך צעוויגט ווי אַ זקן,
צוריקוועגס עס זעצן זיך מידע די פיס.

נאָר טיף אין זײַן האַרצן — עס טריפט אים אַ טראָפן,
פון פרייד, וואָס גייט־אויף מיט אַ לויטערן גלי.
ס'טראָגט אליהו צו מענטשן, וואָס שלאָפן

די בריוו — וועלן אָנזאָגן באַלד אין דער פרי
בשורות, וואָס קלינגען, ווי זילבערנע גלאָקן,
און שורות, וואָס זינגען צו מענטשן — מיט גליק...

האַרבסט אין ישראל

מיין טאָכטער צפורהן

חלומט אויסגעצערטע ערד, ווי געטריקנט טייג,
רעגן זאָל איר הייסן גוף באַגערן,
מיט ליבשאַפט — זאָל רעגן באַפרוכפּערן איר לײַב
מיט בענקשאַפט, די ערד וויל אַ מאַמע ווערן.

נאָוועמבער־גרויער אומרו אויף דעם הימל;
האַרבסטיקע ווינטן זיך טראָגן איבער דעכער.
אַ מידע פאַרגייט די זון אין איר אייגענעם קרײַז,
ווער רעגן פּלייצן, ווי ווײַן פון דעם בעכער.

שטראָמט אַ רעגן, ווי זינגענדיקע וואַסערפאַלן,
דורשטיקע פעלדער ווערן מיט געזאַנג פאַרפּלייצט.
די ערד שוואַנגערט מיט וואַרעמען ברויט.

אינעם יורה־רעגן שפּילט די האָפענונג,
וואָס צאַפּלט שטיל, ווי געזאַנג פון אַ פּליט.
אויף דער צעפאַרמטער ערד ציטערט גרינע פרייד.

אַן אייגן לאַנד

דו ווייסט, וואָס ס׳הייסט אַן אייגן לאַנד?
כ׳וועל אין פשטות דיר עס זאָגן:
ווען כ׳גיי אַ גרויער צו דער אַרבעט
אין ראָז פאַרשלאָפענע פאַרטאָגן,
און איך דערזע אַ קראַנקן פּרדס,
וואָס שווייַגט אין צער אַ שטומער,
אויסגעדאַרט און איַינגעבויגן,
מיט עקרות־ביימער קרומע,
וואָס קענען מער נישט טראָגן —
איך פיל ווי פינגער וואַלטן מיר,
ווי צווייַגן, געטריקנט פון מייַן האַנט.
עפּעס נאָגט אין מיר אַזוי,
עפּעס קלעמט און טוט מיר באַנג.
איז דאָס דען נישט דאָס געפיל,
וואָס ווערט גערופן אייגן לאַנד?

ת״א — דואר, 4 נאָוועמבער 1954

מיין טאַטנס סאָד

אויף פעלדער וויזנדאָרפּישע

איך האָב ליב, ווען קינדער לאַכן,
ווען קינדער לאַכן — לאַכט די וועלט.
ס׳לאַכט די זון מיט טויזנט חנען,
ס׳טאַנצט פון פרייד אַ זשוק אין פעלד.

כ׳בין געווען אַ קליינער יִנגל,
שטאַרק געווען מיט זיך און זיכער.
ס׳פלאַטערט ווי אַ ווינט מײַן צינגל
און עס טראָגט מיך ווי אַ וויכער.

כ׳בין אַ מאָל אַוועק אין סאָד
(זומער דינגט מײַן טאַטע סעדער) —
געגאַנגען זיך אויף גאָטס באַראָט,
ווי פאַרלוירן גיין קען יעדער.

כ׳גיי דורך פעלדער פול מיט תבואה.
ס׳לויכטן קאָרן־זאַנגען ברוינע,
און דער רויטער מאָן, ווי שקיעה,
ברענט דאָס פעלד מיט פלאַמען זײַנע.

כ׳בין שוין ווײַט אַוועק פון שטאָט.
כ׳גיי דורך גרין־צעבליטע פליינען.
עס לאָקט צו זיך מײַן טאַטנס סאָד,
ס׳וויל די פרייד זיך אַזש צעוויינען.

ביימער בוקן זיך צו מיר.
ס׳וויגט זיי לײַכט אַ ווינט אַ שטילער,
ווי ס׳וואָלט די זון זיי נישט באַרירט
שפּרייטן זיי דאָ שאָטנס קילע.

זיצט מײַן טאַטע נעבן ביידל,
קלויבט דאָרט אויבסטן אין אַ קאָרב.
זון באַשיינט אים מיט איר שמייכל,
לויכט, ווי אַ קרוין אים אויפן קאָפּ.

לאָשיקלעך

לויפֿן לאָשיקלעך גאַלאָפּ.
פֿלינק און גיך, פֿײַל פֿון בויגן.
אָנגעשפּאַנט דעם קאָפּ־אַראָפּ,
און די פּיסלעך אויסגעצויגן.

לויפֿן פֿערדלעך רונד אַ רייף.
רונד דעם טײַכל אומגעצוימט.
כ׳קלאַפּ מיט הענט און כ׳טו אַ פֿײַף,
פֿליען זיי — מען זעט זיי קוים.

הערט אַ לאָשיקל מײַן פֿײַף,
ווי פֿאַרכישופֿט ס׳קומט צו מיר,
כ׳טו אַ שפּרינג אויף אים אַרויף,
און ער אַ רײַטער האָט דערשפּירט.

טראָגט עס מיך אַלץ ווײַטער, העכער,
ס׳טײַכל קוקט מיט אויגן גרינע,
ס׳פֿערדל איבער גריבער, לעכער
לויפֿט, ווי ס׳וואָלט אַראָפּ פֿון זינען.

פּלוצעם טוט עס זיך אַ דריי,
שטעלט זיך דיבאָם אויף די פּיס.
איידער כ׳גיב נאָך אַ געשריי
פֿליוך !... אַ רעגן אויף מיר גיסט.

אָפּגעטובלט זיך אין וואַסער,
קוים אַרויס כ׳בין אויפֿן ברעג,
אויסגעווייקט איך שטיי אַ נאַסער,
ס׳פֿערדל ווײַט איז, ווײַט אַוועק.

מײַן הונט בורעק

פון דער װײַטנס זעט מײַן בורעק:
כ׳האָב אין װאַסער זיך געטרונקען.
גיט אַ שפּרונג אַרײַן — אַ נורעק,
װי ער װאָלט אין סטאַװ געזונקען.

און ער שלעפּט מיך פאַר מײַן ראָק
(אַ פּאָלע אין די ציין פאַרקלעמט.)
שװימט מיט מיר צום גרינעם ברעג,
צו דעם גלײַכן, פלאַכן קעמפּ.

ער קוקט אַרײַן מיר אין די אױגן,
װיל זיך פרעגן: ביסט געזונט?
אױף מיר צװײ לאַפּעס אױסגעצױגן,
לעקט מײַן פּנים מיט דער צונג.

די נאַסע פעל זיך אָפּגעטרייסלט,
לױפט פאָרױס פאַר מיר אױף שטעגן
צו דעם פלױמען־סאַד בײַם װײַסל,
מיט די סאַמעט גרינע ברעגן.

אין פלוימען־סאַד

שטייט מײַן טאַטע אויף אַ לייטער,
רײַסט דאָ פלוימען אין אַ קויש,
שמייכלט צו מיר אַ דערפרייטער,
פרייט זיך אויך דער בוים און רוישט.

„זאָג מיר חיימל, מײַן קליינער,
וואָזשע ביסטו אַזוי בלאַס״?
— כ׳בין אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער,
זע, די קליידער זענען נאַס.

גייט מײַן טאַטע אַראָפּ פון לייטער,
וויגן שטיל זיך זײַנע טריט,
נעמט אַרום מיך פאַר די פלייצעס,
וויג איך זיך אין גאַנצן מיט.

„זעסט דאָרט, חיימל, אַ פליין?
לייג זיך אויפן גראָז אַנידער!״ —
אײַנגעהילט אין זונען־שײַן,
ליגן מידע מײַנע גלידער.

דער בלויער רײַטער

פּלוצעם שטײַג איך אויפֿן לייטער,
נאָש מיר פֿרוכטן פֿונעם בוים.
אַנטקעגן מיר אַ בלויער רײַטער
אויף אַ פֿערד פֿון ווײַסער שוים.

קוקט צו מיר דעם קאָפּ פֿאַרריסן,
עס פֿאָכן פֿליגל אין מײַן זײַט.
ווי ער וויל זיך גאָר באַגריסן,
קלינגט מיט גלעקלעך ווען ער רײַט.

האַלט דאָס פֿערד די פֿליגל הויך,
צווישן פֿליגל זיצט דער רײַטער
אײַנגעהילט אין בלויען רויך,
פֿליִען ביידע צו מײַן לייטער.

זיי שוועבן רונד אַרום מײַן בוים,
פֿאַרוואַרפֿן מיר אַ שטריק פֿון זײַד,
זיי ציִען מיך מיט זיך אין רוים,
אַהין צום אַנגעגליטן קרײַז.

די זון אין קרײַז — אַ טעלער גאָלד,
געפֿאַנגען אינעם בלויען הימל.
אירע שטראַלן האָבן האָלד
די קינדער מיט געזאַנג און טומל.

ווילט זיך מיר דאָס גאָלד פֿון טעלער
אַרומנעמען מיט ביידע הענט.
ווערט דער פֿײַער־קרײַז מיר שמעלער
און פֿאַרוואָלקנט זײַנע ווענט.

פון בלויע הייכן אינעם רוים
פלי איך איַיליק צו דער ערד;
אין שפּיגל פון אַ וואַסער־תהום
פאַרשווינדט דער ריַיטער מיט זיַין פערד.

נימפעס

מיט מײַן טאָטן בײַ דער װײַסל
זיץ איך טיף פאַרטאָן אין הערן
דעם פישער מיט דער באָרד, דער װײַסער,
אין אַ בלויער נאַכט מיט שטערן.

— „אַ מאָל, אַ מאָל, אין אַלטע צײַטן,
אַ נימפע האָט אין טײַך געװוינט.
די האָר געלאָקטע — גאָלד אין קװייטן,
אַ דיאַדעם האָט איר קאָפּ באַקרוינט.

בלויע אויגן, װי שאַפירן,
װי אַ טיפעניש פון װײַסל.
פערל־ציין אין מויל צװיי שנירן
פינקלען אויף בײַ יעדן שמייכל.

דאָס פּנים איז װי מאַרמל װײַס,
רויטע קרעלן אירע ליפּן.
דינע הענט, װי שלאַנגען צװיי
און אַ לײַב מיט זילבער־שיפּן.

עס זאָלן פאַליעס רויִק זיין
נעמט זי שטורעם־װינט געפאַנגען.
שמייכלט מיט די פערל־ציין
און פאַרכישופט מיט געזאַנגען.

ס'זאָלן פיש זיך לאָזן פאַנגען,
זי ציט פון װינט פאַר זיי אַ ניגון.
מיט אַ שנירל זילבער־קלאַנגען,
לאָזט דער טײַך זיך אויך פאַרװיגן.

און פֿאַרכּישופֿטע פֿישער ווערן
אויך פֿון נימפֿעשע געזאַנגען.
אין דער בלויער נאַכט מיט שטערן,
ווערן רײַכער זייערע פֿאַנגען.

ליבשאַפט

פון אָפּעראַציע־טיש

מיין איידלען

אומרו ציטערט פלאַמיק אויף אין מיר
ס׳פּלאַצט אַ סטרונע אָנגעגליט און הייס.
אָפּן שטייט פון אָפּעראַציע־זאַל די טיר
דו פאָרסט אַנטקעגן מיר — לויכטנדיק און ווײַס.

אַ פויגל שפּילט דײַן שאָטן אויף דער וואַנט.
זײַן צאַרטער פויגל־גוף זינקט מיד און שווער.
כ׳קוש דײַן קאַלטע שטאַרבנדיקע האַנט.
עס קלעמט אין האַלדז מיר אײַן אַ טרער.

דו שטאַרבסט. דײַן מיידל־גוף ווערט שווערער שטיין,
די אויגן אויסגעלאָשן שטייף, ווי מאַטער גלאָז.
מײַן צער טריפט אויס אין מיר מיט שטיל געוויין,
ווי גרויער נעפּל, האַרבסט אויף געלן גראָז.

— — — — — — — — — —

דערוואַכסט. ס׳וועפּט טויט זיך אויס מיט עטער פון נאַרקאָז.
ס׳גייט ווי אַ שטערן אויף דײַן נײַע לעבנס־שעה.
דײַנע ליפּן זאָגן תפילה אין געראַנגל מיט כאַאָס
פרעגסט — ליבסטער מײַן, ביסט דאָ?

שטיל געזאַנג — לויט שובערט

מיט ציטער כ׳וועל פון ליבע זינגען,
ס׳פילט מײַן האַרץ דעם טרוים אויף וואָר.
כ׳קוש דײַנע בלויע אויגן־רינגען,
די פינגער צאַפּלען אין די האָר.

ס׳איז דײַן בליק מיט טוי פאַרצויגן,
ווי אַ פערגאַנער באַרג אין רוים.
אין דײַנע שלאָפנדיקע אויגן,
דרימלט רויִק אויך מײַן טרוים.

פערגאַנאַ, 1945

אין אַ תאווה־נאַכט

יעווען

בלויער אָוונט, ווי אַ בוים אין שאָטן איך שטיי
פאַר דיַין הויז — באַהאַלטן פון מענטשלעכע אויגן.
דו, אין אַפריקאָסן־סאַד, קאָכסט גרינעם טיי
אין אַ תנ״כישער קרוג, אויף טרוקענע צוויַיגן.

צוזאַמענגעוואַקסן, ווי אַ צווילינגצוויַיג,
צווישן ביימער־צווייט, מיר זיצן אָנגעבויגן.
ס'הערן מיַינע פינגער דאָס שורשן פון זיַיד,
ס'שפּילן פון גלידער, ווי סטרונעס אָנגעצויגן.

די גלייִקע נאַכט אָטעמט מיט האָניק פון היי,
פאַרשיכורט די הערצער די מענטשלעכע צוויי.
אין בלוט פּליסט צעשמאָלצענע לאַווע פון בליַי.

ווען עראָס האָט זיַינע וויַיסע פליגל צעשפּרייט,
האָט אַ תאווה־סימפאָניע צעשפּילט זיך אין ליַיב.
פּסיכע טרוימט — עראָס זאָל קושן דעם זוים פון איר קלייד.

דײַן שאָטן אין ליכטיקייט

כ׳האָב פּלוצעם דײַן שאָטן אין ליכטיקייט דערזען.
דו האָסט ווי אַ מיראַזש פֿאַרבלענדט מײַנע אויגן.
מײַן האַרץ איז דאַן ציטערדיק, ווי די ערד געווען
און מײַנע קני פֿאַר דיר אײַנגעבויגן.

פֿון פֿרייד ביסטו געשפּרונגען אַהין און אַהער,
ווי אַ פֿויגל אויף אַ בוים פֿון צווײַג אויף אַ צווײַג.
שנײַדיק געלאַכט מיט אָפֿענע ליפּן, ווי אַ שער,
אין געשלאָסענעם קרײַז זיך אַרום מיר געדרייט.

אין מיר אַ פֿינטל מענער־גאווה האָט זיך געוועקט —
אַ פֿאַרשעמטע דערמאָנונג פֿון אַמאָליקע טעג,
ווען גורל האָט געטיילט, וואָס ס׳איז געווען באַשערט...

מיט הענט פֿאָרויס, ווי אַ בלינדער כ׳האָב געזוכט דעם וועג,
ווײַל די ליכטיקייט פֿון שאָטן האָט זיך אָפּגעקערט.
אומרו פֿלאָנטערט זיך פֿאַר מײַנע פּיס אויף יעדן שטעג.

זע, אַביבה...

זע, אַביבה,
עס נייגט מײַן גרויער קאָפּ,
ווי די זון צו מערב.
טונקל ווערן מײַנע בלויע אויגן,
ווי אין האַרבסט דער ים.

בײַ נאַכט שפּריצט מיט ליכט פון פרייד —
די פינצטערניש פון תל־אביב.

רויק איז דער ים געשלאָפן

מיר האָבן זיך געזעגנט — רויִק איז דער ים געשלאָפן,
ווי אַ מאַי־נאַכט אין תל־אביב.
בלויז מײַן בלוט האָט געפלאַמט, זיך געלאָשן
אין געפּליסטער — האָסט זי נאָך ליב?

פאַרהלשטע ביימער פאַר דײַן הויז האָבן מער נישט גערוישט,
מידע פון טאָגיקן כאַמסין.
איך האָב דיך נישט פאַרשטאַנען... דײַן שיינקייט טיף אין זיך אנטוישט,
ווי די חכמה פון דײַן מין.

דערוואַרטונג

ס׳איז גוט בײַ טאָג —
צו לעבן אין דערוואַרטונג,
צו שפּאַנען מיט דער זון צו שקיעה.

ס׳איז גוט אין אָוונט —
דו קומסט מיט דײַן ליכט,
ווי אַ נײַע זון.

ס׳איז גוט די נאַכט —
איך חלום פון דיר,
באַהאַלטן פון מענטשלעכע אויגן.

ס׳איז גוט דער פרימאָרגן —
ווען ליכט וועקט אויף
אַ נײַעם טאָג פון דערוואַרטונג.

קום

קום! איך וואַרט אויף דיר
מיט אויסגעבענקטע אויגן.
ס'איז נאָך נישט צוועלף.

האַלבע נאַכט.
ס'טריפט מיט האָניק פון דיין מויל,
וואָס שלעפערט איין מיין צער.

מיין בענקשאַפט פלאַטערט,
ווי אַ פאַרוווּנדעטע טויב —
אין געזאַנג פון געזאַנגען.

ליבשאַפּט

מײַן ליבשאַפֿט בליט,
ווי דער עפּלבוים אין טאַטנס סאָד,
מיט לעצטן פֿרילינג־בלי.

מײַנע לידער,
ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע טויבן,
קומען וואָרקענדיק צוריק.

די טויבן טראָגן
אויף לײַכטע פֿליגל
מײַן יִנגסטע ליבשאַפֿט.

דײַן ליבשאַפֿט, אָביבה,
וויגט זיך אין מײַן האַרץ,
ווי אַ ווײַטער ניגון.

באַשעפֿער פֿון וועלטן!
פֿאַרטרײַב נישט די טויבן,
וואָס קומען צו מיר איצט צוריק.

אַ דאַנק

אין מײַנע האַרבסטיקע טעג,
אָ, גאָט, כ׳וויל אַ דאַנק דיר געבן:
פאַר דער ליבשאַפט אין האַרץ,
פאַר נײַע נסיונות אין לעבן.

פאַר דער פרייד
פון זען אַ רעגנבויגן,
פאַרן פילן די שיינקייט
מיט פאַרמאַכטע אויגן.

פאַר דער גליקלעכער מינוט,
פאַר דער זיסקייט פון מויל,
וואָס פרישט אָפּ, ווי טוי,
דעם צעגליטן געמיט.

אַ דאַנק! פאַרן אומרו
און שטילן געמיט.
פאַרן ליכט פון שטערן
וואָס היט אירע טריט.

נאָסטאַלגיע און וואַנדער

טשעבאָקסאַרי

בלויער אָוונט
שטייט, ווי אַ שיף אויפֿן אַנקער געפֿאַנגען,
צווישן הויכע, גרינע וואָלגע־ברעגן.

אויפֿן האָריזאָנט
זענען אומבאַקאַנטע שטערן אויסגעגאַנגען.
מײַן צוקונפֿט שיפֿט זיך אויף נײַע וועגן.

אין וואָלגע־טײַך
שפּיגלט זיך די בלויקייט פֿון דער נאַכט.
פֿון דמיון רינט די אַלטע וועלט מיט פֿיבער אויס.

אויסגעטאָן
פֿון שטח, פֿון צײַט,
מיך וויגט די ווײַסל אין איר זילבערשוים.

טשעבאָקסאַרי, יולי 1940

ווינטער אין וואַלד

אויף דעם שניי מיניעט זיך די זון, ווי שטראַלן אין אַ שפּיגל —
איך שפּאַן אין ווײַסן וואַלד מיט האַק און זעג.
ס׳האָט דער פראָסט דעם וואַלד, ווי אַ קאָנווערט פאַרזיגלט —
איך צייל די אָפּגעזעגענע פּיעניעס — מײַנע טעג.

קוטשעם פײַער זינגען רויט־געזאַנג.
מיט פרילינג שמעקט בײַם פײַער יעדער בוים.
עס טויכט אין הארצן אויף נאָגנדיק און באַנג
דאָס פײַער פון מײַן היים, וואָס כ׳זע עס בלויז אין טרוים.

פערגאַנאַ, שלאָפנדיקע שיינקייט

אָ, שלאָפנדיקע שיינקייט פון דעם גרינעם טעפּיך־טאָל.
בת־מלכה־קרוין פון גרוויזאַמע קאָקאַנדער כאַנען.
דיין זײַדענער הימל האָט די ווייכקייט פון אַ מאָל —
אָ, שלאָפנדיקע שיינקייט — גאָלד־זוניקע פערגאַנאַ.

שיט די זון אַ גאַנצן טאָג פון ווײַסן טעלער גאָלד —
אויף דײַן שטאָלצן גרין־צעבליטן מיידל־שטערן.
— אָ, בת־מלכה, זומער־חלום! כ׳וואָלט ליבן דיך געוואָלט! —
שעפּטשעט שטיל אַ הייסער וואָלקן, קיינער זאָל נישט הערן.

שיט די זון מיט הייסן גאָלד און צעגליט אויף בלוי דעם טאָג.
אין בין־השמשות לויכט דײַן קאָפּ, ווי אַ רויטער שטערן.
דײַן שוואַרצער מיידל־אויג פאַרפּירט, זאָגט עפּעס צו און לאָקט.
כ׳וויל פאַרוויגן זיך מיט דיר, ס׳זאָל קיין מאָל נאַכט נישט ווערן.

האָט טרויער און בענקשאַפט געבויגן מײַן גוף —
ווי דער ווינט בייגט דינע תבואה־זאַנגען, הויכע גראָזן:
דו שלאָפנדיקע שיינקייט, האָסט דערהערט מײַן שטילן רוף,
געקאָרמעט מיך מיט זאַפט פון האָניק־זיסע אַבריקאָסן.

מײַן פאַרחלשט געמיט האָט מילך געטרונקען פון שניי־בערג.
ס׳איז גוף פון דײַנע פרוכטן מיט לעבן אויפגעגאַנגען.
די וואַנדער־פיס מיט שטויב, מיט בלוט אײַנגעטונקען פון וועג —
טובלען די קילע אַריקן מיט וואַסער־געזאַנגען.

אײַנגעזאַפט אין זיך ווי אַ שוואַם דעם חן פון „יערל־טאַש".
געפרייט זיך ווי אַ קינד פון פאָלק בײַם שפּילן „שאַך־סאַנאַם".
כ׳האָב אָנגעטרונקען זיך מיט צער, מיט פרייד אַ פולן כוס —
אין דײַנע הייסע אָרעמס — שלאָפנדיקע שיינקייט — פערגאַנאַ!

מיט נײַגער נאָכגעזאָגט דעם דרימלענדיקן ניגון,
פון דעם זינגענדיקן, אײביק יונגן אַרבע־מאַן,
פֿאַרפלאָכטן אין זײַן ריטעם פון רײַטנדיקן ווינט.
אָ, זוניקע סימפאָניע — אוזבעקיסטאַן!

פערגאַנאַ—שווידניק, 1941–1947

טרויער מײַנער

מיין פֿאַרשטאָרבענער א י י ד ע ל ע ן
אין חייטן מיטלאַזיע — אַ מצבה.

דער טרויער מײַנער אַ באַרוּיִקטער, ווי נאָך אַ שטורעם,
שלאָפֿט אַ מידער מיט פֿאַרלייגטע הענט.
ס׳אין מײַן וועלט נאָך דײַן פֿאַרגיין אַ חורבה־טורעם,
אַ גרויער, ווי גרוי עס איז דער צער פֿון שטאַרבן אין דער פֿרעמד.

אוי, ווי ס׳וויינט דער עלנט אויף דײַן פֿאַרשטויבטן קבר.
דײַן קישן איז פֿאַרגאַנגענער זאַמד פֿון שטיין.
כ׳ווייס דו ווילסט מיר זאָגן: ס׳טוט ווי דיר יעדער אבר
די קינדער וואָגלען וועלן עלנטע אַליין.

מיר דוכט זיך, אַז קיין מאָל וויינט דער ווינט אַזוי אין פֿרײַען פֿעלד.
ס׳איז דאָס פֿעלד אַ קעניגרייך פֿון גאָטס נאַטור געבענטשט,
וואָס שמייכלט ברייט אַרײַן מיט בלויער זוניקייט אין וועלט
זינגענדיק אַ ליב־געזאַנג צו גאָט, נאַטור און מענטש.

זע, צופֿוסנס דיר, פֿערגאַנער בערג מיט ווײַסן שניי צעבליט די וועלט.
די זון צעגליט די ערד, זי ווערט פֿאַרברוינט פֿון שײַן.
איך וואָלט, ווי דו, געוואָלט פֿאַרגיין אין פֿרײַען פֿעלד,
אין גאָטס געשטאַלט — פֿאַרשווינדן אין דײַן זײַן...

פֿערגאַנאַ—שווידניץ, סעפּטעמבער 1946

פרילינג אויף דער ערד

I

די ווײַסל וואַנדערט פון גרינע בערג צו די ימען
אָנזאָגן דעם פרילינג אויף דער ערד.

זי שמעקט מיט זאַפט,
וואָס גייט אויף פון צעאַקערטע פעלדער.

אויף די פעלדער וועט בליִען דער קאָרן,
אונדזער ברויט וועט שמעקן מיט קימל
און רייצן די בלוטן צו נײַע געזאַנגען.

איבער דער ווײַסל הענגען נאָך רויִנען,
זיי שפיגלען זיך מיט די שטערן אין טײַך.
די פיש פאַנגען בײַ נאַכט די שטערן,
פאַר טאָג —
פאַנגען פישער זיי אין נעצן.

פרימאָרגן.
קומען בײַכיקע שיפלעך
שעפּן אָן ווײַסן זאַמד —
צום היילן די רויִנען,
וואָס וואַרעמען די קראַנקע גלידער
מיט שטראַלן פון דער זון.

ווען איבער דער שטאָט גייט אויף ליכט,
נעמען מויערער הענט מיט ווײַסן ליים,
גלעטן אויס די צעבויגענע גופים.
פאַרשיטן די וונדן מיט זאַמד,
זיי גיפּסן די גלידער

מיט צעמענט און שטאָל —
היילן די חורבות מיט ווארעמע הענט.

מידע,
קומען מענטשן רוען אין די היימען,
צינדן ליכט אין קרישטאָלענע שויבן.
זאַפּן וועגט אײַן די ליכטיקייט
און שטראַלן אויס פון זיך מיט פרייד.

II

ערשט נעכטן איז דאָס געווען:
אויף נאָוואָליפּיע,
אויף סמאָטשע, —
האָבן טויזנטער טריט
מאַרשירט —
דו ווייסט,
זיי זענען מער נישטאָ!

די ליכטיקייט פון זייערע אויגן
האָט זיך געלאָשן,
ווי דאָס ליכט פון פאַלנדיקע שטערן.

זייער צער,
זייער האָפענונג —
ציטערט נאָך הײַנט אין די רויטע פאָנען.

הײַנט,
שמעלצן גיסער אויף בוי דאָס שטאָל.
אויף נאָוואָליפּיע,
אויף סמאָטשע,
גייען אויף מיט בלוי די הײַזער.

מענטשן צינדן ליכט אין קרישטאָלענע שויבן,
די טויבן צו די קינדער וואָרקען
וועגן פרילינג אויף דער ערד.

חאַרשע, אַפּריל 1950

וועלט און מענטש

וועלט און מענטש

א

נאָך ערגעץ ווו — אין טיפן סוד פון זײַן —
בין איך אַ מאָל אַ פלאַטערל געוועז —
ביים זון־אויפגיין.

אַ מאָל, אַ מאָל — אין ווײַטן סוד פון זײַן —
האָב איך ווי אַ פיש, געצויגן זיך
פון מיטן ים, צום רויטן שײַן.

און איין מאָל אין אייביקן זײַן,
בין איך אַ גלאָזיק זאַמדעלע געוועזן.
(ווי אַ זאַמדל לעב איך איבער בערג פון שטיין!)

טייל מאָל — דוכט זיך מיר: איך בין געוועזן
אַ גרעזל אויפן פעלד, אַ גרינער בוים,
אָדער גאָר — פון זיך אַליין אַ טרוים...

ב

ווי דער גרויסער בער — אויסגעצויגן אין רוים —
שלאָפט אין־סופיק די צײַט.
דער מענטש טרעפט צו איר קוים!

די שטערן וואַנדערן ווײַט, מיריאַדן מײַלן,
זיי גייען אויס, ווערן ווידער געבוירן.
דער מענטש וויל די שטערן ציילן.

די ערד איז קײַלעכדיק און שוועבט.
די ימען קילן אויס איר הייסן אָטעם.
דער מענטש איז אָטעם־טוי פון איר געוועב.

אונדזער וועלט איז אַ פּינטל אין רוים —
אונטער דעם קרומען פראַגעצייכן.
דער מענטש שיפט זיך אויף אַ וואַסער־תהום!

דורך מאַטע שויבן

די וועלט אין בענקשאַפט כ׳האָב יאָרן לאַנג געזען,
דורך אויגן־בעלמעס — ווײַסע, מאַטע שויבן.
וואָס קאָן מען גרויער, ווי דורך מאַטע שויבן זען?
שאָטן־מענטשן זענען דאָ פאַרבײַגעפלויגן.

צוועלף שעה געאַרבעט און פאַזירט אין שפּיגל.
אין שפּיגל זעט דער מענטש נאָר זיך אַליין!
די וועלט אין זיך — מיט אַ בלינדער טיר פאַרריגלט —
איז ווי אַ תּפֿיסה־לאַבירינט פון קאַלטן שטיין.

שפּילט אין מײַן ראַזורע שפּיגל־ליכט מיט שאָטן.
פיגאַראָס שאָטן טאַנצט אויף ווײַס־לאַקירטער וואַנט.
עס סודן דאָ זיך קעפּ, זיי וויגן זיך בײַנאַנד.

מיט שאָטנס, וואָס גייען אויס אויף פענצטער־ראַנד,
ווען שקיעה לעשט אין שפּיגל אויס דאָס לעצטע ליכט.
מײַן גרויע וועלט צערינט אין בלוי פון מערבֿ־לאַנד.

תל־אביב, 16 סעפּטעמבער 1958

מתנות

מײַן שװעסטער — הענען

איך בין הײַנט געװעזן צו גאַסט אין דער הײם,
געטראָפן מײַן שװעסטער פאַראײנזאַמט אַלײן.
װאָס קוקסטו, מײַן שװעסטער, פון פענצטער אין גאַס,
װען אין שטוב איז דײַן ברודער געקומען צו גאַסט?

פון תפיסה געקומען זיך זען מיט דער הײם...
כ׳האָב מתנות געברענגט אײַך, געקנעטן פון לײם.
עס זאָגט זיך פון לײם — געמײנט גאָר פון ברױט,
װאָס איז װײכער פון לײם און שװאַרצער פון קױט.

די ערשטע מתנה — אַ פענצטער מיט קראַטן,
װאָס זעט אױס פון װײַטן, װי אַ שפּינען־געװעב.
אױף יענער זײַט קראַטן, אַהער און אַהין,
דאָרט װיגט מיט אַ ביקס זיך אַ ברױנלעכער שפּין.

די צװײטע מתנה — אַ זון אַ צעשטראַלטע,
װאָס זעגט מיט די שטראַלן דעם קראַטן־געװעב:
אַנטקעגן די קראַטן — אַ בײנערנע האַנט,
װאָס קלאַפּט דורך מיט גלױבן די שטײנערנע װאַנט!

חאַרשע, 1937

גערײַנגל

דעם נעגער־מאַרש אויף וואַשינגטאָן

דעם שטילן צער פון אַ געראודפּטן ייִד כ׳זע טייל מאָל אין דײַנע אויגן.
איך פיל אין מיר די בושה פון פאַרשעמטער, שוואַרצער הויט.

דײַן שטומקייט צעפראַלט די פענצטער פון מאַסקירטע הײַזער.
דײַן פאַרשעמטקייט טראָגסטו זיי אַנטקעגן צעהעלט.
צער צוזאַמענגעפרעסטער דורך דורות — נעגער־געבייזער,
צעשפּאַרן וועט די טירן — פון זײַן פאַראַכטעטער וועלט.

רחבותדיק לאַנד, דײַן גרינקייט אָטעמען פעלקער פרײַע,
בלויז דײַנע באַוואולהטע קינדער פיבערן מיט אומרו,
און קוקן צו דער פרײַהייט דורך אַ פאַרזשאַווערטן פּלויט —
זיי זעען דאָרט דײַן אַכילעס־פּיאַטע: די שוואַרצע הויט!

ניו־יאָרק, אויגוסט 1963

I

שמעטערלינג־סאָווע

געבונדן אין גלעזערנעם וויגל,
שלאָפן שטיל די שמעטערלינגען.
אין זייערע רעגנבויגן־פליגל,
האָט ווינטער־זון זיך היינט צעזונגען.

ליגן פלאַטערלעך פאַרגולמט
אין ברוין־געבלומטן זומערשיין,
ווי ס׳וואָלטן בלומען זיי געחלומט,
שמייכלען זיי מיט קינדער־חן.

איינער פון די שמעטערלינגען
קען פאַר שוץ — אַ סאָווע ווערן,
ווען שונאים ווילן אים פאַרשלינגען
און זיין צאַרטן מין פאַרצערן.

דאָס גופל טוליעט ער צום בוים,
צו דער גרינער היים אויף צווייגן.
פון זיין געשטרייפטן רוקנביין
נעמען דראָען סאָווע־אויגן.

II

דעם קייזערס פּאַפּוגײַ

קייזער ווילהעלם נומער צוויי
איז אין גלות שוין געשטאָרבן.
שטייט זײַן ליבלינג־פּאַפּוגײַ —
שטיל פאַרטיפט אין זײַנע זאָרגן.

שטייט מיט פייגל „באַלזאַמירט"
דעם קייזערס בלויער פּאַפּוגײַ.
אַ מאָל האָט ער אים אַמוזירט,
היינט — די באַזוכער פון מוזיי.

קוקט מיט צער דער פּאַפּוגײַ,
האַלט זײַן שנאָבל שטײַף פאַרקרימט.
און ווי ווילהעלם נומער צוויי,
בלײַבט ער אייביק שוין פאַרשטומט.

חאַרשע, 1 יאַנואַר 1950

III

דער אַלבאַטראָס

דער פוכיק־ווײַסער אַלבאַטראָס, —
קיניגט דאָ אין פֿאַרביקן מוזיי.
קוקט מיט שפּאָט אויפֿן ערדישן שטראָם,
וואָס שטאַמט, ווי ער, פון אַ פויגל־איי.

זײַן בליק געדענקט פון בערג די הייכן,
ווו ער האָט פרײַ אַ מאָל גענעסט.
געבאָדן זיך אין קילע טײַכן,
פון דעם צעבליטן פרילינג־טאָל.

אים חלומט: אייביקער געראַנגל
און פרײַער פלי אויף הויכע בערג,
מיט נישט געשטילטן גלי נאָך וואַנדער
צו פרישע קוואַלן אויף דער ערד.

דער שטורעם־פויגל אַלבאַטראָס,
האָט די פליגל אויסגעשפרייט:
ער גרייט זיך פליִען צו די הימלען —
אַ צוגעשמידטער אויף דער קייט.

נידערשלעזיע, טשעפּליצער פייגל־מוזיי, 21 דעצעמבער 1949

אינהאַלט

שטערן אויפן אַש

אין הויז פון חלומות 9
געזעגענונג מיט מײַן טאַטן 10
וואַרשע 1939 11
סילוועסטער־נעכט אין וואַרשע . . . 12
אויף קבר־אבות 13
בענקשאַפט 14
איך רוף דײַן נאָמען 16
פּרצעס לחיה 17
שעה פון בלויער שטילקייט 18

אויפגאַנג

איז אַוועק אין קריג מײַן זון 21
חיפה 22
עולה־געזאַנג 23
ירושה 24
בײַם ים 25
שמירה־נאַכט 27
דאָס בלויע אויג פון ים־המלח 28
דאָס הירשעלע פון דואר ישראל . . . 29
אליהו הנביא דער בריװטרעגער . . . 30
האַרבסט אין ישראל 31
אַן אייגן לאַנד 32

מײַן טאַטנס סאָד

אויף פעלדער וויזנדאָרפישע 35
לאַשיקלעך 37
מײַן הונט בורעק 38
אין פלוימען־סאָד 39
דער בלויער רײַטער 40
נימפעס 42

ליבשאַפט

פון אָפּעראַציע־טיש 47
שטיל געזאַנג — לויט שובערט 48
אין אַ תאווה־נאַכט 49
דײַן שאָטן אין ליכטיקייט 50
זע, אַביבה 51
רויק איז דער ים געשלאָפֿן 52
דערוואַרטונג 53
קום 54
ליבשאַפט 55
אַ דאַנק 56

נאָסטאַלגיע און וואַנדער

טשעבאָקסאַרי 59
ווינטער אין וואַלד 60
פערגאַנאַ, שלאָפֿנדיקע שיינקייט 61
טרויער מײַנער 63
פרילינג אויף דער ערד 64

וועלט און מענטש

וועלט און מענטש 69
דורך מאָטע שויבן 71
מתנות 72
געראַנגל 73

לידער פון פייגל־מוזיי

שמעטערלינג־סאָווע 74
דעם קייזערס פּאָפּוגײַ 75
דער אַלבאַטראָס 76

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24,
תל־אביב, ישראל
"HAMENORA" Publishing House
24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel